ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ויצא

**(חלק כה שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים"
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת ויצא, ג־ט כסלו, ה׳תשפ״ו (א)

**LIKKUTEI SICHOT**

Copyright © 2025
by
KEHOT PUBLICATION SOCIETY®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ויצא

א. אין סוף הלכות שכירות[1] פסק'נט דער רמב"ם: כדרך שמוזהר בעה"ב שלא יגזול שכר עני ולא יעכבנו כך העני מוזהר שלא יגזול מלאכת בעה"ב ויבטל מעט בכאן ומעט בכאן ומוציא כל היום במרמה אלא חייב לדקדק על עצמו בזמן . . וכן חייב לעבוד בכל כחו שהרי יעקב הצדיק אמר[2] כי בכל כחי עבדתי את אביכן. לפיכך נטל שכר זאת אף בעולם הזה שנאמר[3] ויפרץ האיש מאד מאד.

דער אויבנדערמאָנטער דין ווערט אויך אַראָפּגעבראַכט אין שולחן ערוך פון אַלטן רבי'ן[4], וז"ל: „וכדרך שבעל הבית מוזהר שלא לגזול שכר העני ולא לאחרו כך העני מוזהר שלא יבטל מלאכת בעה"ב ויבטל מעט כאן ומעט כאן ומוציא כל היום במרמה אלא חייב לדקדק על עצמו בזמן . . וכן חייב לעבוד בכל כחו שהרי יעקב הצדיק אמר כי בכל כחי עבדתי את אביכן לפיכך נטל שכרו אף בעולם הזה שנאמר ויפרוץ האיש מאד מאד".

בהשקפה ראשונה זעט אויס, אַז דער אַלטער רבי איז בלויז מעתיק לשון הרמב"ם (מיט שינויים קלים). אָבער כד דייקת שפיר זעט מען אַ שינוי עיקרי[5] בשו"ע אדה"ז:

נאָכן ברענגען דעם לימוד פון יעקב, איז דער אַלטער רבי ממשיך: „לפיכך אין הפועל רשאי לעשות מלאכה בלילה ולהשכיר עצמו ביום וכן אין האדם רשאי לעשות מלאכה בבהמתו בלילה[6] ולהשכירה ביום ואין הפועל רשאי להרעיב ולסגף עצמו[7] שהרי מחליש כחו ולא יוכל לעשות מלאכת בעל הבית בכח".

די דינים („אין הפועל רשאי כו'") ווערן געבראַכט אויך אין רמב"ם[8]; אָבער דאָרט קומען זיי אין דער פריער־דיקער הלכה[9] איידער[10] ער זאָגט „כדרך שמוזהר בעה"ב שלא יגזול כו'".

ב. לכאורה וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז דער שינוי איז (ניט קיין שינוי בתוכן,

1) פי"ג ה"ז.

2) פרשתנו לא, ו.

3) שם ל, מג.

4) חלק חו"מ הלכות שאלה ושכירות וחסימה סעיף כ.

5) השינוי שברמב"ם מתחיל ההלכה „כדרך", ובשו"ע אדה"ז „וכדרך" – יש לומר, כי בשו"ע אדה"ז בא בהמשך לההלכות הסמוכות לפנ"ז (באותו הסימן) שבהן מדובר על האזהרה „שלא לגזול שכר העני ולא לאחרו"; משא"כ ברמב"ם כתב עד"ז לא בפרק זה, כ"א לפנ"ז – בפי"א שם, ותחלת ההלכה (ה"ז) „כדרך שמוזהר" – באה כסיום כל הלכות שכירות.

6) ברמב"ם (שם ה"ו) „או לדוש בפרתו ערבית ולהשכירה שחרית" – ועד"ז הוא בסמ"ג דלקמן הערה 20 (ובתוספתא שבהערה 8 „לחרוש" (וכ"ה ברי"ף ב"מ פ"ז (פט, א) ובראש"ש שם ס"ג)). ובירושלמי (שבהערה 8) „לא יחרוש אדם בפרתו בלילה וישכירנו ביום". ולכאורה הוי שינוי בדין, אם האיסור הוא דוקא כשעובד בלילה או רק בערבית – ראה חסדי דוד לתוספתא שם.

7) ברמב"ם שם מוסיף: ומאכיל מזונותיו לבניו. ועד"ז הוא בטושו"ע שבהערה 10. והוא כבתוספתא שם. אבל בירושלמי שם ליתא תיבות אלו.

8) ומקורם בתוספתא ב"מ פ"ח, ב; ירושלמי דמאי פ"ז ה"ג – כנסמן במ"מ והגה"מ לרמב"ם שם.

9) ה"ו.

10) וכ"ה בטושו"ע (ולבוש) חו"מ סו"ס שלז – א) שהם בב' הלכות; ב) „אין הפועל כו'" הוא (סי"ט) לפני (ס"כ) „מוזהר הפועל שלא יבטל כו'".

נאָר) בלויז בסדר הדברים, בהתאם צום חילוק פון ספר הרמב״ם און שו״ע אדה״ז:

דער רמב״ם[11] האָט געשריבן ספרו „הלכות הלכות״[12] — בלי טעמי ההל־כות[13] משא״כ דער אַלטער רבי האָט געשריבן שולחנו „הלכות בטעמיהן״[14] דוקא.

און דעריבער: דער אַלטער רבי שטעלט אויס די הלכות אין אַן אופן וואָס גיט אַרויס דעם טעם און הגדרה פון די הלכות, און דערפאַר ברענגט ער די אַלע דינים אין דעם זעלבן סעיף, נאָך דער הקדמה כללית ולכולן: „וכדרך שבעה״ב מוזהר כו׳ כך העני מוזהר שלא יבטל מלאכת בעה״ב״ — וואָס דאָס איז דער גדר פון די אַלע דינים.

און אין דעם גופא, שטעלט ער פריער די אזהרה וחיוב „לדקדק על עצמו בזמן . . וכן חייב לעבוד בכל כחו״, און דער־נאָך, דעם איסור המסובב מזה, וואָס קומט דערפון אַרויס אויך בנוגע דעם זמן המלאכה — „אין הפועל רשאי לעשות מלאכה בלילה וכו׳״.

משא״כ דער רמב״ם איז נוגע בעיקר אַרויסגעבן דעם פסק הלכה, און דערפאַר שטעלט ער אויס די הלכות לויט׳ן סדר הזמן: פריער דער איסור וואָס קומט קודם זמן המלאכה בפועל („אין הפועל רשאי כו׳״), און ערשט דערנאָך די אזהרות וועלכע קומען בזמן המלאכה גופא — „חייב לדקדק על עצמו בזמן . . וכן חייב לעבוד בכל כחו״.

[ונוסף לזה: די דינים „אין הפועל רשאי כו׳״ זיינען אַ המשך צו די עניני „מרמה״ (לכאורה) וועלכע אַ פועל מעג יע טאָן וואָס דער רמב״ם זאָגט פאַר דעם[15] — „ורשאין פועלין[16] לטבול[17] פתן בציר כו׳״, און אויף דעם איז דער רמב״ם מוסיף וממשיך: „אבל אין הפועל רשאי כו׳״[18]].

אָבער דאָס איז ניט קיין ביאור מספיק בנדו״ד[19]. וואָרום פון דעם וואָס דער

11) וכן שו״ע המחבר.

12) רמב״ם בהקדמתו לספר היד.

13) ראה קו״א בשו״ע אדה״ז הל׳ ת״ת רפ״ב.

14) „הקדמת הרבנים בני הגאון המחבר ז״ל״ לשו״ע אדה״ז.

15) וזה גופא בא בהמשך לתחלת ההלכה „רשאי בעל הפרה להרעיב פרתו ולסגפה כדי שתאכל הרבה מן הדייש ורשאי השוכר להאכילה פקיעי עמיר כו׳״, שהוא בהמשך והסיום דהפרק שבו מדובר בדיני לא תחסום שור בדישו.

משא״כ בשו״ע אדה״ז בא סעיף זה בהמשך לפרטי דיני לא תלין כו׳ של פועל (וכיו״ב); ודיני לא תחסום, וכן הדינים שהפועל אוכל בשעת מלאכתו — כתב לאח״ז (סכ״ב ואילך).

ובשו״ע המחבר דינים אלו בנוגע לפועל הם הסיום דסימן (שלז) „דין אכילת פועל בשעת מלאכה ממה אוכל או מתי אוכל״, והסימן שלאח״ז (שלח) — „דין אכילת בהמה בשעת מלאכה ואסור חסימתה״, והסימן שלאח״ז (שלט) — „לתת שכר אדם ובהמה וכלים בזמנו ומתי זמנו״. ואכ״מ.

16) כן הוא בדפוסים שלפנינו ברמב״ם ובתוספתא שם. ב״מ פט, סע״א (רי״ף שם. רא״ש שם ס״ג). אבל בשו״ע אדה״ז (שם סכ״ד) הפועל רשאי לטבול פתו (וכבטושו״ע שם סט״ו). ועד״ז הוא השינוי (בין לשון יחיד ול׳ רבים) בהבא לפנ״ז ברמב״ם: ברמב״ם שם „רשאי בעה״ב להשקות פועלים״ (וכ״ה בשאר מקומות הנ״ל) ובשו״ע אדה״ז שם „להשקותו״ (ע״ד בטושו״ע שם „להשקות את הפועל״).

17) כ״ה בגמ׳ שם. רא״ש שם. טושו״ע (ושו״ע אדה״ז) שם. אבל בתוספתא שם „לאכול״.

18) ולהעיר שבתוספתא שם באים בהלכה א׳, אבל בסדר הפוך — מתחיל בהאיסור „אין הפועל רשאי כו׳״, ואח״כ — „רשאין פועלין לאכול פיתן בציר כדי שיאכלו כו׳״.

19) בנוגע השינוי דהרמב״ם ואדה״ז. — אבל אפ״ל כן בנוגע לשו״ע המחבר, שאינו מתחיל ההלכה „כדרך שמוזהר בעה״ב כו׳״ כברמב״ם. ובפרט ששו״ע המחבר עיקרו הוא מעשה הדינים, ולא כברמב״ם שבעיקר הוא (גם) ספר ידיעת ההלכות — ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 374. ועוד.

רמב״ם הויבט אָן די לעצטע הלכה מיט אַ הקדמה: „כדרך שמוזהר בעה״ב שלא יגזול שכר עני כו׳ כך העני מוזהר שלא יגזול מלאכת בעה״ב״ — אע״פ וואָס דער רמב״ם האָט שוין קלאָר געזאָגט אין דער פריערדיקער הלכה אַז עס טאָר ניט זיין „גזל מלאכתו של בעה״ב״ — איז מוכח, אַז דאָס איז ניט נאָר אַ הוספה מצד שינוי אין דעם זמן ומעשה האיסור, נאָר ס׳איז אַ באַזונדער גדר.

דאָס הייסט: לויטן אַלטן רבי׳ן, אַז די דינים „אין הפועל רשאי כו׳״ קומען תיכף בהמשך ישר צום חיוב „לעבוד בכל כחו״ (אַז „לפיכך אין הפועל רשאי כו׳״), קומט אויס, אַז דאָס איז אַ מסובב פון דעם חיוב לעבוד בכל כחו; משא״כ לויטן רמב״ם, וואָס ער זאָגט די דינים אין אַ פריערדיקער הלכה, איז דאָס אַ באַזונדער דין ואיסור בפ״ע.

אָט דער ענין ווי ער שטייט אין שו״ע אדה״ז — אַז די פרטי דינים „אין הפועל רשאי כו׳״ זיינען פאַרבונדן מיט דעם חיוב „לעבוד בכל כחו״ (וואָס מען לערנט אָפּ פון יעקב׳ן) — איז מפורש אין סמ״ג[20];

אָבער צ״ע וביאור: וואָס איז די הסברה אין די צוויי שיטות, צי די דינים הנ״ל זיינען אַ תוצאה פון דעם חיוב „לעבוד בכל כחו״, אָדער אַ דין בפ״ע?

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הביאור אין דעם לימוד הנ״ל (ברמב״ם) פון יעקב׳ן: וכן חייב לעבוד בכל כחו שהרי יעקב הצדיק אמר כי בכל כחי עבדתי את אביכן. לפיכך נטל שכר זאת אף בעולם הזה שנאמר ויפרוץ האיש מאד מאד.

דלכאורה איז אין דעם ניט פאַרשטאַנ־דיק:

א) דער רמב״ם איז דאָך (כנ״ל) אַ ספר פון „הלכות הלכות״. וואָס איז נוגע להלכה דער סיום „לפיכך נטל שכר זאת אף בעוה״ז כו׳״?

ודוחק לומר אַז דער רמב״ם שרייבט דאָס נאָר כדי לסיים (הלכות שכירות) בדבר טוב — ווייל [נוסף ע״ז וואָס דער רמב״ם איז ניט אַלע פ״ג הלכות[21] שבספר היד מסיים בדבר טוב, איז עוד ועיקר]: דער לשון ווערט אַראָפּגעברא־כט אויך אין טור ושולחן ערוך לא בסיום הלכות אלו. נאָכמער: אין שו״ע אדה״ז קומט עס אינמיטן אַ סעיף!

ב) נאָכמער: דערמיט איז דער רמב״ם[22] זיך, לכאורה, סותר מיני׳ ובי׳: פריער ברענגט ער די ראי׳ פון יעקב׳ן „שהרי יעקב הצדיק אמר כי בכל כחי עבדתי את אביכן״, אַז עס איז אַ חיוב אויף אַ פועל לעבוד בכל כחו, אָבער מיט די ווערטער „לפיכך נטל שכר זאת אף בעולם הזה כו׳״ איז ער לכאורה מבטל (מחליש עכ״פ) די ראי׳, וואָרום דאָס ברענגט אַרויס אַז דאָס איז ניט געווען אַ חיוב, נאָר אַ הנהגה (צדקות) מיוחדת באַ יעקב׳ן וואָס צוליב דעם איז שכרו מיוחד „נטל שכר זאת אף בעולם הזה״.

20) מ״ע סוף מצוה צא. ושם: גרסינן בירושלמי דמס׳ דמאי ובתוספתא דב״מ אין הפועל כו׳ (ומסיים) מפני גזל מלאכתו של בעל הבית שהרי יכשל כחו ויתחלש דעתו ולא יעשה מלאכה בכח והרי יעקב אבינו אמר כי בכל כחי עבדתי וגו׳.

21) ויתירה מזו: שאפילו בסיום הי״ד ספרים אין הרמב״ם מקפיד לסיים דוקא בדבר טוב (ראה סיום ספר נשים. אבל שם רק תיבה האחרונה אינו דבר טוב — ראה שיחת ש״פ מקץ תשד״מ ע״ד הסיום דס׳ נשים וס׳ טהרה ברמב״ם).

22) ובמילא בהעתקתו בשו״ע אדה״ז שם.

ג) וואָס איז דער לשון „שהרי" — און ניט בלשון הרגיל יותר „שנאמר" או „כמו שנאמר" וכיו"ב?

ד) דער לשון „הצדיק", וואָס איז ניט קיין לשון הרגיל (אַלס תואר) אין רמב"ם[23], ולכל היותר האָט ער געדאַרפט זאָגן בלשון הרגיל[24] „יעקב אבינו"[25]. ובפרט אַז דאָס שוואַכט אָפּ די ראי', וואָרום דאָס ווייזט אַז דאָס איז אַ הנהגה מיוחדת פון „(יעקב) הצדיק".

לכאורה יש לומר, אַז מיט די אַלע לשונות הנ"ל איז דער רמב"ם אויסן צו באַוואָרענען די שאלה: ס'איז דאָך אין למדין מקודם מ"ת[26], איז ווי קען מען אָפּלערנען אַ הלכה אין הלכות שכירות פון הנהגת יעקב דלפני מ"ת?

דעריבער זאָגט ניט דער רמב"ם כלשון הרגיל בכלל באַ אַ ראי' „שנאמר" (וכיו"ב), ווייל מען לערנט עס טאַקע ניט אָפּ פון יעקב'ן, ס'איז נאָר כעין אסמכתא (אָדער נאָר אַ גילוי מילתא וכיו"ב) אויף אַרויסצובררענגען דעם גודל הדבר, ווי מען זעט אַז יעקב הצדיק „אמר כי בכל כחי עבדתי . . לפיכך נטל שכר זאת אף בעולם הזה".

דאָס איז אָבער אַ דוחק גדול, וואָרום מען געפינט בכמה מקומות, אויך אין רמב"ם (אין די הלכות לפנ"ז), אַז מ'לערנט אָפּ הלכות אויך פון קודם מ"ת (און ווי מ'זעט עס בשייכות לפרשתנו גופא, אַז דער רמב"ם[27] לערנט אָפּ די הלכה אַז „אפילו בחולו של מועד אין נושאין נשים . . לפי שאין מערבין שמחה בשמחה שנאמר[28] מלא שבוע זאת ונתנה לך גם את זאת"); און ס'איז ניט קיין סתירה צום כלל פון אין למידין מקודם מ"ת, ווי די פאַרשידענע תירוצים והגדרות וואָס שטייען דערביי אין מפרשים[29]. ופשיטא בנדו"ד, וואו דאָס איז ניט קיין דין פרטי, נאָר אַ הנהגה כללית, דער דרך אין עבודת הפועלים ע"פ התדברות והסכם הדדי דבני אדם, וואָס דאָס קען מען דאָך אַוודאַי אָפּלערנען[30] פון קודם מ"ת[31].

---

23) ולהעיר, שבטור שם — אף שמקדים „כתב הרמב"ם כו'" — מעתיק הל' „שכן יעקב אמר כו'" (ומשמיט „הצדיק").

24) ראה לדוגמא — הל' יסוה"ת פ"א ה"ט־י (בנוגע למשה)*; פ"ו ה"ט (אברהם); פ"ז ה"ג (יעקב); שם ה"ו, פ"ח, פ"ט ה"א וה', פ"י ה"א וה' (משה); הל' ע"ז פ"א סה"ב ואילך (אברהם, יעקב ומשה). ועוד.

25) וכ"ה הלשון בסמ"ג שם. לבוש שם.

ולהעיר מרמב"ם סוף הל' מילה „בוא וראה כמה חמורה מילה שלא נתלה למשה רבינו עלי'" — ומשנה מלשון המשנה (נדרים לא, ב) „למשה הצדיק". וראה לעיל ע' 58 הערה 40.

26) ראה שד"ח כללים מערכת האל"ף כלל שכא. פאת השדה כללים מערכת אל"ף סקל"ה סק"י. אנציקלופדי' תלמודית ערך אין למדין מקודם מ"ת. וש"נ.

---

*) שם פ"ה ה"י „יוסף **הצדיק**" — אבל שם מובן הטעם.

---

27) הל' אישות פ"י הי"ד (מירושלמי מו"ק פ"א ה"ז).

28) כט, כז. וראה פרש"י שם — מירושלמי. וברמב"ן שם.

29) ראה בארוכה במקומות הנ"ל הערה 26. וש"נ.

30) מהאופנים שאפשר ללמוד מקודם מ"ת (ראה בהנסמן בהערה הנ"ל): אופני קיום מצוה; דבר שיש בו טעם וסברא; במקום שאין סברא לחלק; לימודים שהם בתורת גילוי מילתא. וראה לקו"ש ח"א פרשתנו (ע' 65 ואילך) ע"ד הלימוד דאין מערבין שמחה בשמחה דלמדין מפרשתנו.

31) להעיר מדברי הרמב"ן עה"ת (וישלח לד, יג): ועל דעתי הדינין שמנו לבני נח בז' מצות שלהם . . בדיני גניבה ואונאה ועושק ושכר שכיר ודיני השומרים כו' ודיני מקח וממכר. והיינו שתוכן הדינים דפ' משפטים ה"ז בכלל ז' מצות ב"נ.

נאָכמער: מען געפינט בענינינו גופא, עבודת יעקב ללבן, אַז מען לערנט אָפּ פון יעקב'ן, ווי די גמרא זאָגט[32] „עד מתי שומר שכר חייב לשמור עד כדי הייתי[33] ביום אכלני חורב וקרח בלילה"[34].

ד. וי"ל די הסברה בזה:

מיט דער ראי' „שהרי יעקב הצדיק אמר כי בכל כחי עבדתי את אביכן לפיכך נטל שכר כו'", ברענגט דער רמב"ם אַרויס דעם גדר החיוב „לעבוד בכל כחו". פריער זאָגט דער רמב"ם „כדרך שמוזהר בעה"ב שלא יגזול שכר עני כו' כך העני מוזהר שלא יגזול מלאכת בעה"ב ויבטל מעט בכאן ומעט בכאן ומוציא כל היום במרמה אלא חייב לדקדק על עצמו בזמן כו'", און דערנאָך איז ער ממשיך ומוסיף: וכן חייב לעבוד בכל כחו.

וואָלט מען לכאורה געקענט לערנען: דער חיוב לדקדק על עצמו בזמן איז פאַרבונדן מיט „שלא יגזול מלאכת בעה"ב", אָבער דער חיוב „לעבוד בכל כחו" איז ניט פאַרבונדן (אויף אַזויפיל) מיט מלאכת בעה"ב (ביז מ'זאָל זאָגן אַז בשעת ער טוט עס ניט איז ער ניט מקיים דעם „שלא יגזול מלאכת בעה"ב"), נאָר ס'איז בלויז פאַרבונדן מיטן גברא מצ"ע, פון פועל העובד, מיט זיין נאמנות, אַז ער דאַרף זיין איבערגעגעבן צו אַן אַרבעט ביז „לעבוד בכל כחו". ד.ה. דאָס איז ניט (אַזוי) מצד דעם גדר פון „בין אדם לחבירו", צווישן דעם פועל מיטן בעה"ב, נאָר דאָס איז מעין גדר פון בין אדם למקום.

אויף דעם ברענגט דער רמב"ם די ראי' „שהרי יעקב הצדיק אמר כי בכל כחי עבדתי את אביכן לפיכך נטל שכר זאת אף בעולם הזה שנאמר ויפרץ האיש מאד מאד": די ראי' איז ניט (נאָר) פון התחלת דבריו וואָס יעקב „אמר כי בכל כחי עבדתי את אביכן"

(ואדרבה, אין דעם וואָלט מען גע־קענט זאָגן אַז יעקב האָט דערמיט מדגיש געווען[35] אַז ער האָט זיך געפירט לפנים משורת הדין, עבודה אין וועלכער ער איז ניט געווען מחוייב[36], און דאַן איז דאָך דאָס אַ ראי' לסתור — אַז ס'איז ניטאָ אַ חיוב אויף יעדן פועל לעבוד בכל כחו)

נאָר די (עיקר) ראי' איז פון דעם המשך הלשון „לפיכך נטל שכר זאת כו' (ובאופן פון) ויפרוץ גו'":

דער אויפטו אין דעם איז (ניט אַזוי אַז יעקב האָט באַקומען אַ שכר פון דעם אויבערשטן פאַר מקיים זיין אַ ציווי ה' (און ביי אַנדערע מצות קען דאָס זיין אַ שכר (נאָר) בעוה"ב, אָבער דאָ האָט ער באַקומען שכר מצוה אויך בעוה"ז) — נאָר)[37] אַז ער האָט באַקומען „שכר זאת", דעם שכר אויף זיין מלאכה;

ד.ה. דער „נקבה שכרך" (וואָס לבן האָט אָפּגערעדט מיט יעקב'ן) האָט

---

32) ב"מ צג, ב.

33) פרשתנו לא, מ.

34) וראה שאילתות פרשתנו שאילתא כ.

35) וכמ"ש המאירי ב"מ שם (לדעת רבה) — גבי הפסוק „הייתי ביום אכלני חורב גו'".

36) וראה גם מדרש הגדול פרשתנו לא, לט. פי' ר"א בן הרמב"ם שם. ועוד.

37) וכמ"ש הרמב"ם בפיה"מ ריש פאה, שזהו החילוק בין ה„מצות המיוחדות לאדם בנפשו במה שיש בינו ובין הקב"ה", שבזה „תחשב לו לצדקה ויגמלהו הקב"ה עלי' לעוה"ב", וה„מצות התלויות בתועלת בני אדם קצתם עם קצתם (בין אדם לחבירו)" „שתחשב לו לצדקה לעוה"ב לפי שעשה המצוה וימצא טובה בעוה"ז בעבור שנהג מנהג הטוב בין בני אדם כי כשינהג מנהג הזה ינהגו אחרים כמנהגו יקבל כמו כן שכר מהענין ההוא".
אלא שבנדו"ד „נטל שכר זאת" לא מלבן הארמי באופן ישר.

לפועל געבראַכט דערצו אַז (כאָטש לבן האָט אים געוואָלט אָפּנאַרן וכו׳, פונ־דעסטוועגן – וויבאַלד אַז „בכל כחי גו׳״, איז) „ויפרוץ האיש מאד מאד״ אַ שכר בהתאם מיט זיין אַרבעט וואָס איז געווען אין אַן אופן פון „בכל כחי עבדתי״.

דערפון פאַרשטייט מען, אַז דער „לעבוד בכל כחו״ איז פאַרבונדן ניט נאָר מיטן גברא, מיטן פועל כשהוא לעצמו, נאָר מיט מלאכתו לבעה״ב. וואָס דערפאַר האָט יעקב באַקומען אויך פאַר דעם זיין שכר בעוה״ז.

ה. ועפ״ז יומתקו די צוויי דיוקים הנ״ל אין לשון הרמב״ם:

א) ער זאָגט ניט „שנאמר״, נאָר „שהרי״ – ווייל די ראי׳ איז ניט (נאָר) פון דעם פסוק „כי בכל כחי עבדתי את אביכן״, נאָר (אויך ו)בעיקר – פון דעם גאַנצן ווייטערדיקן המשך: „לפיכך נטל שכר זאת כו׳״.

ב) ער זאָגט ניט „יעקב אבינו״ נאָר יעקב הצדיק״. והביאור:

פון רמב״ם אין ריש הל׳ דיעות איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער תואר „צדיק״ (מיט וועלכן דער רמב״ם באַנוצט זיך בספרו היד) מיינט ניט אַזאַ וואָס טוט אַ הידור מצוה וכיו״ב, נאָר דער וואָס פירט זיך כפי הדין והחיוב. ווי ער ברענגט דאָרטן[38] די פסוקים בנוגע מדות והנה־גותי׳ אַז דער וואָס גייט אין „דרך הישרה היא מדה בינונית״ ווערט ער (בל׳ הפסוק[39]) אָנגערופן „צדיק״[40] (און דער וואָס איז „מדקדק על עצמו ביותר״ און טוט „לפנים משורת הדין״ ווערט אָנגע־רופן „חסיד[41]).

און דאָס זאָגט דער רמב״ם – אַז די הנהגה פון יעקב׳ן לעבוד בכל כחו איז ניט געווען אַן ענין פון מדת חסידות כו׳ (אַ הנהגה מיוחדת[41*] אַלס איינער פון די ג׳ אבות – יעקב אבינו), נאָר דאָס איז דער אופן החיוב פון אַ פועל; יעדער פועל לגבי מלאכת בעה״ב.

ו. דעם חידוש גופא – אַז דער חיוב לעבוד בכל כחו איז פאַרבונדן (ניט נאָר מיט דער כללית׳דיקער נאמנות פון פועל, נאָר) מיט דער מלאכה וואָס ער טוט פאַר דעם בעה״ב – קען מען לער־נען אויף צוויי אופנים:

איין אופן איז: אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט גוף המלאכה, אָבער דאָס איז אַן ענין נוסף אויף דער עצם מלאכה לבעה״ב; ס׳איז אַ באַזונדער חיוב פון פועל צום בעה״ב.

וואָס דאָס איז די שיטת הרמב״ם, וואָס ער טיילט פאַנאַנדער די הלכות בשייכות צו גזל מלאכתו של בעה״ב אין צוויי באַזונדערע הלכות: אין דער ערשטער

38) פ״א ה״ד.

39) אף שהוא עצמו מתארו (שם ובה״ה) „חכם״ ושהיא „מדת חכמה״.

40) וראה שם ה״ו „כך למדו בפירוש מצוה זו מה הוא נקרא חנון כו׳ צדיק וישר כו׳״.

41) שם ה״ה.

*41) אין לזה סתירה מהמבואר לעיל ע׳ 58 (כנ״ל הערה 25) בהטעם דשינה הרמב״ם בסוף הל׳ מילה מלשון צדיק שבמשנה להדגיש שהוא דבר הנוגע לא רק למשה הצדיק, כי בהל׳ דיעות מדובר (בצדיק חכם חסיד) בדיעות ומדות הנוגעות ליחס בין אדם לחבירו, ועד״ז הוא בנדו״ד, ואין זה שייך (כ״כ) להמדובר בהל׳ מילה מצוה שבין אדם למקום שבזה אפ״ל שהכוונה לצדיק ממש (וע״ד הלשון „צדיק״ „צדיקים״ בהל׳ תשובה פ״ו ה״ד. פ״ז ה״ד. פ״ח ה״א וב׳). ובפרט דבא לומר החומרא דמצות מילה „כמה חמורה מילה שלא נתלה כו׳ עבורו אפילו שעה אחת כו׳״, אין מקום לכתוב ל׳ צדיק כי אפשר לבעל דין לחלוק שרק לצדיק כפשוטו לא נתלה אפילו שעה אחת (ולא למי שההנהגה שלו ישרה, או צדיק בדינו כברפ״ג דהל׳ תשובה שם).

הלכה זאָגט ער די דינים פון „אין הפועל רשאי לעשות מלאכתו בלילה כו׳ מפני גזל מלאכתו של בעה״ב שהרי תשש כחו כו׳ ולא יעשה מלאכה בכח״; און אין דער הלכה שלאח״ז הויבט ער אָן: „כדרך שמוזהר בעה״ב שלא יגזול שכר עני כו׳ כך העני מוזהר שלא יגזול מלאכת בעה״ב ויבטל מעט בכאן כו׳, אלא חייב לדקדק על עצמו בזמן כו׳ וכן חייב לעבוד בכל כחו כו׳״.

ווייל לויט שיטת הרמב״ם זיינען דאָס צוויי באַזונדערע גדרים: איין חיוב אַז דער פועל דאַרף טאָן מלאכה בכח, און אַ באַזונדער חיוב – „לדקדק על עצמו בזמן כו׳ וכן חייב לעבוד בכל כחו״. והחילוק ביניהם יש לומר:

דאָס וואָס ער דאַרף טאָן מלאכה בכח, איז אַן ענין אין עצם המלאכה – בשעת עס פעלט מלאכה בכח פעלט אין דער חלות שם מלאכה. משא״כ דער חיוב „לעבוד בכל כחו״ איז ניט ווייל אָן דעם איז ניטאָ דער גדר פון מלאכה, נאָר דאָס איז פאַרבונדן מיט דער התחייבות פרטית פון דעם פועל (צו דעם בעה״ב פרטי).

בסגנון אחר קצת: „מלאכה בכח״ (סתם) איז פאַרבונדן מיט דער חפצא פון מלאכה, און דער חיוב „לעבוד בכל כחו״ איז בשייכות להגברא, צווישן דעם פועל און דעם בעה״ב, וואָס אַ פועל איז גופו קנוי[42] לבעה״ב[43].

משא״כ לויטן אַלטן רבי׳ן, זיינען דאָ ניט צוויי באַזונדערע הלכות – מלאכה סתם און מלאכה בכל כחו – נאָר ס׳איז איין הלכה; מלאכה בכח און מלאכה בכל כחו זיינען ניט קיין צוויי גדרים (דער גדר מלאכה בכלל, און אַ צווייטער גדר – וואָס איז פאַרבונדן מיט דער התחייבות (ושקנוי) הפועל צו דעם בעה״ב פרטי), נאָר ס׳איז איין גדר, אַלץ איז פאַרבונדן מיט מלאכת בעה״ב[44].

42) ראה ריטב״א ב״מ (י, א וברפ״ו שם). ועוד. וכ״ה דעת הרמב״ם (הל׳ מכירה פי״ג הט״ו – ראה בכ״ז מחנה אפרים הל׳ שכירות פועלים ס״א־ב וס״ו (וע״ש סוס״א, דמהרמב״ם הנ״ל נראה דכל פועל גופו קנוי – לא רק כאשר נשכר לבעה״ב לכל מלאכה)).

43) ואולי י״ל, דבהלכה ז מדובר אפי׳ כאשר לא יחסר בגוף המלאכה (לבעה״ב) כשלא ידקדק בזמן ולא יעבוד בכל כחו* [ולדוגמא – פועל בעל כח גדול, שגם אם לא יעבוד בכל כחו (או לא ידקדק בזמנו) יוכל להשלים המלאכה הקצובה ליום זה. וכיו״ב] – ומ״מ חייב לדקדק בזמנו ולעבוד בכל כחו מחמת התחייבות הפועל לבעה״ב שגופו קנוי לו.

ועפ״ז מתורץ ג״כ: (א) למה הוזקק לראי׳ שאין לבטל „מעט בכאן ומעט בכאן״ מהא ש„הקפידו על ברכה רביעית כו׳״ – דלכאורה ה״ז גזילה! (ב) ההקדמה „כדרך שמוזהר בעה״ב שלא יגזול שכר עני ולא יעכבנו כך העני כו׳״ – למאי נפק״מ? – כי הדיוק בזה הוא (לא רק ש„לא יגזול כו׳״, כ״א גם) „ולא יעכבנו״, שאין בזה גזל (שהרי משלמו אח״כ), ומ״מ ה״ז (כעין) גזל העני מפני שהוא משועבד אליו לשלמו תיכף (ו„כך העני״ – גופו קנוי לבעה״ב לדקדק בזמנו ולעבוד בכל כחו גם כשאין הפסד לבעה״ב).

44) והיינו, דלהרמב״ם – רק החיוב דלעבוד בכל כחו הוא, לפי שפועל גופו קנוי, ולאדה״ז – גם העבודה בכח הוא לפי שגופו קנוי*.

*) משא״כ בהלכה ו, שעי״ז ש„לא יעשה מלאכה בכח״ חסר בגוף המלאכה ויש הפסד להבעה״ב ממלאכה זו.

*) ראה שו״ע אדה״ז הל׳ שאלה ושכירות וחסימה סכ״א (מרמב״ם הל׳ שכירות פ״ט ה״ד. שו״ע חו״מ סשל״ג ס״ג): פועל העובד לבעה״ב בין בשכירות לזמן בין בקבלנות אפי׳ כבר קבל כל שכרו יכול לחזור בו באמצע פעולתו כו׳ שנאמר כי לי בנ״י עבדים עבדי הם ולא עבדים לעבדים (ומוסיף על לשון הרמב״ם ומפרש) „שיעבדו שלא ברצונם מחמת שכבר נשכרו״. והיינו שבזה מתבטא „לא עבדים

און דערפאַר ברענגט דער אַלטער רבי די דינים פון „אין הפועל רשאי כו'" אַלס אַ המשך צו דער הקדמה „וכדרך שבעה"ב מוזהר כו' כך העני מוזהר שלא יבטל מלאכת בעה"ב כו' חייב לדקדק על עצמו בזמן כו' וכן חייב לעבוד בכל כחו כו' (לפיכך אין הפועל רשאי כו')".

ז. ע"פ הנ"ל יש לבאר ג"כ כמה שי־נויים (קלים) אין לשון אדה"ז לגבי לשון הרמב"ם — וואָס אע"פ אַז לכאורה זיינען זיי שינוים קלים, איז אָבער ע"פ הידוע גודל הדיוק פון לשונו הזהב פון אַלטן רבי'ן, ובפרט אַז ער איז דערביי משנה פון לשון הרמב"ם, איז יש לומר אַז דאָס איז אויך אַ שינוי בתוכן:

א) אין דעם סוף פון דער ערשטער הלכה, וואו דער רמב"ם איז מבאר דעם טעם פון די דינים „אין הפועל רשאי לעשות מלאכתו בלילה כו' מרעיב ומסגף עצמו כו'" — זאָגט ער: „מפני גזל מלאכתו של בעה"ב[45], שהרי תשש כחו ותחלש דעתו ולא יעשה מלאכה בכח"; דער אַלטער רבי אָבער, איז דערביי משנה: (א) ער איז משמיט די ווערטער „מפני גזל מלאכתו של בעה"ב"[46].

(ב) אַנשטאָט „ולא יעשה" זאָגט ער „ולא יוכל לעשות". (ג) אַנשטאָט „מלאכה" איז דער אַלטער רבי מוסיף „מלאכת בעל הבית"[47].

וע"פ הנ"ל יש לומר: לויטן רמב"ם איז דער חסרון דאָ וואָס „ולא יעשה מלאכה בכח" — עס פעלט אין עצם (שם) מלאכה. און דעריבער גלייך ווי דער אדם שטעלט זיך אין אַ מצב וואָס „ולא יעשה מלאכה בכח" איז דאָס אין גדר פון „גזל מלאכתו של בעה"ב" (ווייל ער איז ניט ראוי צו זיין אַ פועל — זיין מלאכה איז ניט קיין מלאכה).

משא"כ לויטן אַלטן רבי'ן איז דער חסרון — „ולא יוכל לעשות מלאכת בעל הבית בכח", אַלס זיין התחייבות (וקנין) צום בעה"ב. קומט אויס, אַז דער איסור „לעשות מלאכה בלילה כו'" (וכיו"ב) איז ניט בגדר גזילת מלאכתו של בעה"ב, דאָס איז נאָר אַ גרם — „ולא יוכל לעשות מלאכת בעל הבית בכח"[48] (אַז דערנאָך, ווען ער וועט טאָן „מלאכת בעל הבית" וועט דאָס ניט קענען געטאָן ווערן כדבעי).

ב) אין דער ראי' פון יעקב'ן איז דער לשון הרמב"ם: „לפיכך נטל שכר זאת",

45) וכ"ה בתוספתא שם. ובירושלמי שם „מפני שהוא ממעט מלאכתו של בעה"ב". ובטושו"ע (ולבוש) שם (סי"ט) „מפני ביטול מלאכתו של בעה"ב".

46) וגם בתחילת הסעיף כותב „שלא יבטל מלאכת בעה"ב", ומשנה מלשון הרמב"ם שם „שלא יגזול מלאכת בעה"ב". אבל להעיר, שגם בטור שם, אף שמקדים „כתב הרמב"ם", כ' „שלא יבטל כו'".

לעבדים", אבל „גופו קנוי" למלאכתם [ולהעיר מהמשך בשו"ע אדה"ז שם (מהגהות מרדכי ב"מ פרק האומנין, רמ"א שם): ולכן יש מי שאומר שאין לפועל או מלמד כו' להשכיר עצמו כו' יותר מג' שנים כו' ביותר מג' שנים יצא מכלל שכיר ונכנס בכלל עבד והתורה אמרה כי לי בנ"י עבדים כו']. וראה מחנה אפרים שם.

47) ועד"ז הוא בטושו"ע (ולבוש) שם: „שהרי מחליש כחו שלא יוכל לעשות מלאכת בעה"ב בכח".

48) ואולי יש לומר, שזהו גם טעם השינוי בשו"ע אדה"ז „שהרי מחליש כחו" (כבטושו"ע שם), וברמב"ם „שהרי תשש כחו ותחלש דעתו":

הרמב"ם, דס"ל דהוי דין ואיסור בפ"ע, מדגיש בלשונו (לא פעולת האדם, כ"א) הנפעל כבר אז — „שהרי תשש כחו (ותחלש דעתו)", שלכן כשעושה פעולות אלו אינו בגדר פועל העובד ובמילא הרי"ז בגדר „גזל מלאכתו של בעה"ב" גם לפני זמן המלאכה בפועל;

משא"כ אדה"ז, דס"ל שאינו איסור בפ"ע (כ"א רק מסובב מהחיוב „לעבוד בכל כחו") וכשעושה מלאכה בלילה כו' הוא רק גרם כו' — מדגיש פעולת האדם: שהרי מחליש כחו ו(גורם ש)לא יוכל לעשות מלאכת בעה"ב בכח.

דער אַלטער רבי אָבער זאָגט: „לפיכך נטל שכרו"[49]

— ווייל לויטן רמב"ם, איז דער שכר פאַר עובד זיין בכל כחו אַן ענין נוסף אויפן שכר אויף דער עצם מלאכה להבעה"ב. דער שכר איז טאַקע פאַרבונדן מיט גוף המלאכה (וכנ"ל סוף סעיף ד), אָבער בכ"ז איז דאָס אַן ענין נוסף אויף עצם המלאכה. און דערפאַר איז דער רמב"ם מדייק „לפיכך נטל **שכר** זאת" — דער ספּעציעלער **שכר** אויף עבודה בכל כחו.

משא"כ דער אַלטער רבי איז מדגיש „לפיכך נטל שכרו" — ווייל לשיטתו איז דאָס ניט קיין צוויי באַזונדערע זאַכן, עבודה סתם און עבודה בכל כחו, נאָר עבודה בכל כחו איז איין גדר מיטן גוף המלאכה וואָס ער טוט לבעה"ב, און דעריבער ווערט דער שכר אויף עבודה בכל כחו נכלל אין שכר עבודתו — „נטל שכרו" (סתם).

ח. די הוראה פון דעם אין עבודת האדם — וואָס אידן זיינען דאָך פועלים, וואָס דאַרפן טאָן מלאכה פאַרן בעה"ב, זה הקב"ה[50]:

דער טעם פאַרוואָס דעם חיוב לעבוד בכל כחו לערנט מען אָפּ פון עבודת יעקב בבית לבן הארמי אין חרן, איז דערפאַר ווייל די מלאכה וואָס אַ איד דאַרף טאָן פאַרן אויבערשטן (בכל כחו) איז בדומה צו עבודת יעקב בבית לבן.

כידוע[51], איז די עבודה פון יעקב בבית לבן איז געווען ניט אין די ד' אמות של בית המדרש של שם ועבר, אָדער אפילו ווי ער איז געווען אין א"י בבית אביו יצחק, וואָס דעמאָלט איז געווען זיין עבודה אַלץ אין עולם הקדושה — נאָר זיין עבודה דאָרט איז געווען בחרן — חרון אף של מקום (בעולם)[52], אויף מאַכן די וועלט אַ דירה לו ית'.

און עד"ז באַשטייט די עבודה פון יעדן אידן אַלס אַ פועל של הקב"ה:

דאָס וואָס אַ נשמה דינט דעם אויבערשטן ווען זי איז נאָך אין עולמות עליונים, איידער זי קומט אַראָפּ למטה אין עוה"ז און טוט זיך אָן אין אַ גוף, נאָר ווען עמדתי לפניו[53] — איז עס אַן עבודה נעלית ביותר, סיי אין שכל (פאַרשטאַנד אין ג־טלעכקייט) און סיי אין מדות (איר אהבת ה' ויראת ה') — אָבער דאָס איז אַלץ איר עבודה;

49) בטור „נטל שכר בעוה"ז על כן", ובשו"ע „נטל שכרו בעוה"ז" — ובשניהם בהשמטת „אף". ובלבוש „וזכה ונטל שכרו בעוה"ז ובעוה"ב".

50) כמאמר המשנה — אבות פ"ב מט"ז. וראה בארוכה לקו"ש חי"ז (ע' 387 ואילך) כמה פרטים בעבודת בנ"י ושכר פעולתם שהם כדוגמת פועל. וראה גם לקו"ש חכ"ט ע' 138 ואילך. חל"ד ע' 132 ואילך.

51) כמבואר בדרושי חסידות בפרשתנו עה"פ ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה.

52) רש"י ס"פ נח.

53) מלכים א יז, א. יח, טו. מ"ב ג, יד. ה, טז. זח"א רלג, ב. ח"ג סח, רע"ב. — ולהעיר שבמאמרי דא"ח (תו"א ס"פ וישב (ל, סע"א). שרש מצות התפלה פמ"ב (קמ א). אוה"ת בראשית תתרמה, ב. ועוד) הובא הכתוב „חי ה' אשר עמדתי לפניו" (כבזהר ח"א וח"ג שם), והוא הכתוב דמ"ב ה הנאמר באלישע. אבל בלקו"ת חקת (סד, ד) „כמ"ש אליהו חי ה' אשר עמדתי לפניו" (ועד"ז הוא בד"ה קדושים תקס"ב (דרמ"צ קנג, ב). מאמרי אדה"ז (פרשיות ח"ב ס"ע תרפז. תקס"ה ח"ב ע' תשעו). סידור רסג, ב. סה"מ תרנ"ז ע' קעז. ועוד). ובסה"מ ה'ש"ת ע' 13: דזהו שאמר אליהו חי ה' אלקי ישראל אשר עמדתי לפניו (וראה הערה שם) — ועד"ז בסה"מ תש"ח ע' 211 (וראה שם ע' 210). תש"ט ע' 7 וע' 185.

בכ"מ מהנ"ל הכוונה להנשמה למעלה בכלל, ובכ"מ מדובר במדרי' דנשמת אליהו (בפרט) למעלה (כבסה"מ פרשיות, סידור שם, סה"מ תרנ"ז ועוד). ובכהנ"ל כמה פי' ב„עומדים" (למעלה). ואכ"מ.

דוקא ווען די נשמה קומט אַראָפּ אין עוה״ז הגשמי, און דאָרט גופא, בלייבט ניט דער אדם פאַרשלאָסן תמיד נאָר אין די ד׳ אמות של תורה ותפלה, נאָר ער איז זיך עוסק אין עבודת הבירורים אויף צו מאַכן פון די תחתונים „שאין תחתון למטה ממנו״[54] **אַ דירה** לו ית׳ — **דאָ איז ער אַ פועל של** הקב״ה, **דאָס איז מלאכתו של** בעה״ב[55].

ט. און אויף דעם איז דער לימוד פון יעקב׳ן, אַז אָט די מלאכה דאַרף געטאָן ווערן „בכל כחו״:

ניט נאָר וואָס „חייב לדקדק על עצמו בזמן״

— ווייל טאָמער „יבטל מעט (ב)כאן ומעט (ב)כאן״: מען מאַכט אַ חשבון אַז עס מאַכט ניט אויס צו אָפּלייגן די מלאכת בעה״ב מעט און דערוויל אַריינ־כאַפּן ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין שלימות (ימלא כריסו כו׳ אויף האָבן מער פאַרשטאַנד אין תורה וכיו״ב) — ווערט דאָס גורם זיין, אַז „ומוציא כל היום — **דעם גאַנצן** „היום לעשותם״ — **במרמה״**;

**נאָר נאָכמער — „חייב לעבוד** בכל כחו״[56], **מיט אַלע כחות הנפש**[*56]:

אַ איד קען טראַכטן, בשעת מ׳איז נאָך אין די ד׳ אמות של תורה ותפלה דעמאָלט איז זיין עבודה פאַרבונדן מיט זיין כח השכל, לערנען תורה מיט הבנה והשגה, און מיט זיינע מדות, איזוהי עבודה שבלב זו תפלה[57], עבודת התפלה מתוך אהבה ויראה;

בשעת מ׳גייט אָבער אַרויס אין חוצה, און די אַרבעט איז צו מאַכן די וועלט אַ דירה לו ית׳, דאָרט פאָדערט זיך בעיקר טאָן מיטן כח העשי׳ שלו און די עבודה איז פאַרבונדן נאָר מיט קבלת עול שבנפש

— אויף דעם איז די הוראה אַז אין דער עבודה אויף מאַכן אַ דירה לו ית׳ בתחתונים, איז חייב לעבוד בכל כחו, ניט נאָר מיט די כחות תחתונים שלו, נאָר אויך מיט די כחות פנימיים שלו, זיין כח השכל, מדות, ביז אויך מיט די כחות מקיפים, רצון ותענוג שלו.

קען מען אָבער מיינען אַז דאָס איז אַן ענין פון הידור מצוה, וואָרום צו דער עשיית הדירה איז נוגע בעיקר נאָר זיין כח המעשה — אויף דעם האָט מען די הוראה, אַז דאָס איז אַ חיוב גמור, וואָס אָן דעם הייסט עס גזל (ביטול) מלאכתו של בעה״ב.

דער „שם מלאכה״ — פון עשיית דירה לו ית׳ בתחתונים — קען אפשר זיין אפילו ווען מען טוט בלויז מיטן כח העשי׳, אָבער אַלס מלאכת בעה״ב[*57] מוז די עבודה זיין בכל כחו. באַ אַ אידן דאַרף זיין נרגש בכל כולו אַז כל ענינו

54) תניא פל״ו.

55) ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 244 ואילך. ע׳ 254 ואילך. וש״נ. ובכ״מ*.

56) עיין לקו״ת חוקת סה, ד וש״נ.

*56) וראה צוואת הריב״ש בתחלתו ס״ג (כש״ט סר״כ. או״ת להה״מ סז, א): האדם צריך לעבוד השי״ת בכל כחו שהכל צורך גבוה מפני שהשי״ת רוצה שיעבדו אותו בכל האופנים.

*) וראה לקו״ש ח״כ ע׳ 56 ואילך, **שעד״ז** הוא החילוק בין שכיר ושליח. ע״ש.

57) תענית ב, א. רמב״ם ריש הל׳ תפלה.

*57) להעיר מהלשון בתורת הבעש״ט הנ״ל (הערה *56) „מפני שהשי״ת רוצה כו׳״. וראה שם המשך המאמר.

**איז צו דורכפירן די שליחות פון דעם אויבערשטן לעשות לו ית' דירה בתחתו־נים, און ער אַלס פועל איז גופו** קנוי **צום בעה"ב, זה הקב"ה, ובמילא טוט ער מלאכת בעה"ב** בכל כחו.

**און דורך דעם וואָס אַ איד פירט דורך זיין מלאכה בכל כחות נפשו, איז ער „נוטל שכרו אף בעולם הזה", ביז אין אַן אופן פון „ויפרוץ האיש מאד מאד", ב' פעמים מאד, בלי גבול האמיתי[58] — דוקא דורך דער עבודה אין עולם הזה, נעמט מען דעם מאד האמיתי[59].**

(משיחות ש"פ ויצא תשי"ט)

---

58) **ראה תו"א פרשתנו כג, ג. תו"ח וישלח לט, ד. וראה הערה הבאה.**

59) **ע"ד המבואר בלקו"ת שלח (לז, א. לח, רע"ג — הובא בתו"א שם. ועיי"ש, ב) בפי' „טובה** הארץ **מאד מאד" (ב"פ מאד).**